# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

**Żydowska gazeta illustrowana.**

Wychodzi każdego piątku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. — 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs

Pojedynczy egzemplarz 20 h. — 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

**Judische Illustrierte Zeitung**

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראנען, = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען — 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדגאססע 62. טעלעפאן נר' 412.

עסטערר. פאסטשפארקאסען־קאנטא נר' 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר 44 פיליע אין לאדז: פיעטרקאווער נר' 16.

הויפטפערטרעטונג פאר רומעניען: דאוויד הערצבערג, יאסי, סטר. סאראריע נר' 151


## צוויי־קאיזער־בעגעגניש אויף'ז וואסער.



צוויי־קאיזער־בעגעגעניש אויף'ן וואסער: קאיזער ווילהעלם און קאיזער ניקאלוי ם אים געשפרעך אויף'ן דעק פונ'ם שיף „שטאנדארט".


**אינהאלט:** די קריזע אין אונגארן — א מיליאנער אלם זאנדערלינג — אפגעזעגענט אויף אייביג — א לייב אים אויטאמאביל — יעקב נאָרדין געשטארבען — קרושעוואן און דובראווין — דער קראנפרינץ פון סיאם — א אויסגעטרוקענטער קאנאל — די עלטסטע פרוי פון וויען — העברעאישע פאסטאנווייזונגען או. ז. וו.

# צוויי קאיזער־בעגעגניש אויף'ן וואסער.

א וויכטיג פאליטישע עראייגניס איז ענדע פון פאריגער וואך פארגעקומען.

ביי ביערקע, אים פינישען מעערבוזען, האט שטאט־געפונען א בעגעגניש צווישען קאיזער ניקאליי פון רוס־לאנד און קאיזער ווילהעלם פון דייטשלאנד.

דיעזע בעגעגניש איז פאליטיש זעהר וויכטיג, ווייל זי בעווייזט, אז די עראייגניסע אים לעצטען ווינטער וועה־רענד דער באלקאן־קריעג האבען נישט געשטערט דאס גוטע פערהעלטניס צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד און אז אלע בעפירכטונגען אין דעם זין זענען נישט בע־גרינדעט.

ענגלאנדס בעמיהונגען, אבצוציעהען רוסלאנד פון דייטשלאנד און עס צו פעראייניגען מיט זיינע נעגנער, זענען נישט געלונגען, און דאס איז פאר'ן וועלטפריעדען זעהר וויכטיג.

א גוט פערהעלטניס צווישען רוסלאנד און דייטש־לאנד איז אויך א שטארקע שטיצע פון א פריעדליכער ענטוויקלונג צווישען רוסלאנד און עסטעררייך־אונגארן, אין די בעפירכטונגען, אז ווענען דער אנעקסיע פון באסניען־הערצעגאווינא וועט דאס פערהעלטניס צווישען רוסלאנד און עסטעררייך־אונגארן זיין אויף יאהרעלאנג געשטערט, ווייזען זיך איצט אלס איבערטריעבען.

א סימן "אפאר" איז, אז דער צאר וועט וואהר־שיינליך נאך איין לויף פון דיעזען זומער אבשטאטען א בעזוך דעם קאיזער פראנץ יאזעף... דאס אלטע פערזענ־ליכע פערהעלטניס וועט ערנייערט ווערען און דאס איז פאר דעם וועלטפריעדען זעהר נינסטיג.

די בעגעגניש האט שטאטגעפונען אויף'ן ים. די רוסישע קאיזערליכע פאמיליע איז ארויסגעפאהרען אויף דער קאיזערליכער יאכט "שטאנדארט", וועהרענד דער דייטשער קאיזער איז אנגעקומען מיט זיין שיף "האהענ־צאללערן", אין בעגלייטונג פון צאר זענען געוועזען די מיניסטער סטאליפין און איזוואלסקי. מיט קאיזער ווילהעלם איז געקומען דער שטאאטס־סעקרעטער פון די אייסערע ענינים שען.

די בעגריסונג פון ביידע מאנארכען איז געוועזען גאר הערצליך. זיי האבען זיך דריי מאל ארומגענומען און גע־קושט. דערנאך האבען זיי א צייט לאנג געשפראכען מיט איינאנדער.

אין אוענד איז אויף דער יאכט "שטאנדארט" פארגעקומען א פעסט־מאהלצייט לכבוד פון דייטשען קאיזער, ביי וועלכען די ביידע קאיזער האבען געהאלטען טאאסטען און אויסגעדריקט די טראדיציאנעלע פריינד־שאפט צווישען ביידע הייזער און ביידע פעלקער.

דאס געזעגענען זיך פון די ביידע קיסרים דעם אנדערן טאג איז געשעהען עבענזא הערצליך ווי דאס בעגריסען און די גאנצע בעגעגניש איז אבגעלאפען זעהר פייערליך און מיט גרויס פראכט.



א אויסגעטרוקנעטער קאנאל: אין דעם פערטרוקענטען קאנאל זענען געבליעבען שטעקען שיפע אין דער בלאטע.

די קיסרים און די מיניסטער האבען עטליכע מאל אבגעהאלטען לענגערע קאנפערענצען, ביי וועלכע עס זענען בעשפראכען געווארען וויכטיגע פאליטישע ענינים.

די בעגעגניש איז אבער אויך נישט אבגעלאפען אהן א צווישענפאל. וועהרענד די קאיזערליכע שיפען



די אונגארישע קריזע: דר. לאדיסלויס פון לוקאטש.

האבען זיך געפונען נאהענט צום האפען, איז פלוצים אנגעקומען צו פאהרען דער ענגלישער דאמפפער "וואר־בורי". א רוסיש טארפעדאבאאט האט איהם אויפגעפאר־דערט, ער זאל זיך אומקעהרען, אבער דער דאמפפער איז געפאהרען ווייטער. דעמילט האט מען פונים טארפעדא־באאט צוערשט אבגעגעבען עטליכע בלינדע שיעסע, און ווען אויך דאס העלפט נישט, א שארפען שאס, דורך וועלכען דאס שיף איז בעשעדיגט און עטליכע מענשען זענען פערוואונדעט געווארען.

דאס רוסישע טארפעדאבאאט האט וואהרשיינליך מורא געהאט, אז עס האנדעלט זיך ווענען עפיס א שיף וואס וויל שלעכטס טהון די קאיזערליכע יאכטען... ס'איז די אלטע מעשה ווי ביי הול, ווען אדמיראל ראשדעסט־ווענסקי האט געשאסען אויף ענגלישע פישער־שיפלעך, מורא־האבענדיג פאר יאפאנישע טארפעדא'ס.

אין אנדערע צייטען וואלט אזא מעשה געקענט האבען א ערנסטען סוף, ביי דעם גוטען פערהעלטניס צווישען ענגלאנד און רוסלאנד אין איצטיגער צייט וועט אלעס אבלויפען בשלום.

# דער פרעזידענט פון בראזיליען געשטארבען.

בראזיליען איז ערשט צייט 20 יאהר רעפובליק. עס איז דאס לעצטע אמעריקאנישע לאנד, וואו נאך פאר 20 יאהר האט געהערשט א קאיזער.

די רעוואלוציע איז דארט אבגעלאפען גאנץ שטיל און רוהיג. ווען דער קאיזער דאן פעדרא האט זיך גע־פונען אין איראפא אויף א רייזע, האבען זיך די בראזי־ליאנער ערקלערט אלס רעפובליקאנער און אויסגערופען א רעפובליק. קאיזער דאן פעדרא האט אפילו נישט גע־פרובט, זיך זיי אקעגענצושטעלען און איז געבליעבען אין גלות: אין איראפא, וואו ער איז מיט עטליכע יאהר שפעטער געשטארבען.

ערשט נאך דעם איינפיהרען פון דער רעפובליק זענען אויסגעבראכען שווערע רעוואלוציעס. די רעפובלי־קאנער האבען זיך נישט געקענט אזוי גיך איינינען, וועלכע פארטיי זאל האבען די הערשאפט איבער'ן לאנד און ס'איז פיעל בלוט פערגאסען געווארען ביז די פערהעלט־ניסע אים לאנד זענען ווידער געווארען רוהיג און פריעדליך.

6 פרעזידענטען האט די רעפובליק געהאט אין דיעזע 20 יאהר און אט דער זעכסטע, דר. אלפאנזא אויגוסטא מארידא־פענא איז פאריגע וואך געשטארבען.

דר. מארידא־פענא, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגען נומער, איז געוועזען עטליכע מאל מיניסטער אונטער קאיזער דאן פעדרא און האט געגאלטען אלס איינער פון די וויכטיגסטע פאליטיקער אים לאנד. זייט 1902 איז ער געוועזען וויצעפרעזידענט און זייט 1906 פרעזידענט פון דער בראזילאנישער רעפובליק.



א אויסגעטרוקנעטער קאנאל: די ארבייטען, ווידער אריינצוברענגען וואסער אין דעם קאנאל אריין.



קריזע אין דייטשלאנד : רייכסקאנצלער פירסט בילאוו.

# קרושעוואן און דובראווין.

די סאיוזניקעס אין רוסלאנד האבען אין לעצטע צייט שלעכטע טעג. זייער הויפטפיהרער דר. דובראווין איז קראנק און קרושעוואן, זייער גייסט־נער פיהרער, איז געשטארבען...

קרושעוואן, וועמענס נאמען איז פערשריעבען אין דער יודישער געשיכטע מיט בלוטיגע אותיות, איז געשטארבען פלוצים. אין א צייט ווען ער האט פערלוירען זיין גאנץ אנזעהען און איינפלוס און אפילו ביי די גלאסני־וואהלען אין קישענעוו איז ער נישט מעהר געוועלט געווארען...

דובראווין איז קראנק, אבער נישט אין עפּיס א מין קראנקהייט, צו וועלכער ס'זענען דא רפואות אין די אפטייקען. ניין, ער איז קראנק פאר פחד, ווייל ס'זענען ענטדעקט געווארען זיינע סודות, די פערברעכערישע טהעטיגקייט פון דעם „רוסישען פאלקספעראיין“, וואס ער דובראווין שטעהט אין זיין שפיץ.



פראָפעסאָר מיטשינסקי : דער צום טוידט פערורטהיילטע מיראסלאוו מיטשינסקי.

ביי'ם פראצעס נעגען די מערדער פון פּראָפעסאָר הערצענשטיין האט איין עדות אייסגעזאגט, אז דובראווין האט איהם געדונגען צו בעגעהען דעם מארד. דאס גע־ריכט פערלאנגט פון דער דומא, מען זאל איהר אויס־ליעפערן דובראווין'ען, כדי מען זאל איהם קענען משפט'ן. די סאיוזניקעס שרייען געוואלט, אז די גאנצע מעשה איז ליגען, און בלויז אויסגעטראכט פון די יודען, כדי דעם „גרויסען פאטריאט“ דובראווין צו שטערען אין זיין פאטריאטישער ארבייט...

אבער דובראווין אליין, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין דער היינטיגער נומער, האט עפּיס דאך מורא פאר'ן געריכט און ער האט זיך ערקלערט פאר קראנק... די דאקטוירים הייסען איהם ארויספאהרען קיין אויסלאנד כדי צו בערוהיגען זיינע נערווען... דערווייל וועט ער פטור ווערען פון'ם געריכט און פון זיינע פערפאלגונגען...

אויב די'זע שפּעקולאציע וועט איהם העלפען, איז אן אנדערע שאלה.

# רייכסראטהס־וואהל אין סאמבאר־גראדעק.

אויף דעם ארט פון'ם פערשטארבענעם גראף וואיצעך רזיעדושיצקי, געוועזענעם מיניסטער און וויצע־פּרעזידענט פון פוילען־קלוב, בעדארפען איצט די צוויי שטעדט סאמבאר־גראדעק וועהלען א נייע מיטגליעד פאר'ן עסטערייכישען רייכסראטה.

די יודישע בעפעלקערונג אין די'זע צוויי שטעדט בילדעט באלד א דריטען הלק פון דער גאנצען בעפעל־קערונג און ס'האט אויך א צייט געהייסען, אז עס וועט דא־רט אויפטרעטען א יודישער קאנדידאט.

דאס איז נישט געשעהען און די יודישע וועהלער אין די'זע צוויי שטעדט ברויכען זיך איצט צו ענטשיידען, וועלכען פון די דריי קאנדידאטען, וואס בעווערבען זיך ווענען מאנדאט, זיי זאלען געבען זייערע שטימען.

עס קאנדידירען דער לודאוויעץ זיעמניאק, דער קלעריקאלער גראף אלעקסאנדער סקארבעק און דער דעמאקראט דר. אדאם דאבאשינסקי.

ווען מען בערעכענט, אז די פוילישע פאלקספאר־טיי, וואס איהר קאנדידאט איז זיעמיאק, איז אויסגע־שפראכען אנטיסעמיטיש, און אז אויך די קלעריקאלען האבען די יודען ליעב נאר בשעת די וואהלען, ווען זיי בעדארפען זייערע שטימען; א גאנץ יאהר אבער מאכען זיי מיט אלע אנטיסעמיטישע סטיטשקעס גלייך מיט סטאיאלאווסקי און זיינע חברים, — בלייבט פאר די יודישע וועהלער קיין אנדערער וועג, ווי צו שטימען אויף דעם דעמאקראטישען קאנדידאט דר. אדאם דאבאשינסקי, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגער נומער.

דר. אדאם דאבאשינסקי קאנדידירט אויפ'ן פראָ־גראם פון דער פוילישען דעמאקראטישען פארטיי, וועל־כעס אנערקענט די יודען אלס גלייכע, פולבערעכטיגטע בירגער. ער איז אויך בעקאנט פון זיין פּיוהאטען און עפענטליכען לעבען (דר. דאבאשינסקי איז שוין דורך עטליכע יאהר געוועזען מיטגליעד פון רייכסראטה) אלס אמת'ער עכטער דעמאקראט און אויך די יודישע בירגער וועלען אין איהם תמיד געפינען א ווארימען פערטרעטער פון זייערע אינטערעסען.

# א שענקער אלע מיטגליעד פון דער פאריזער אקאדעמיע.

די פאריזער אקאדעמיע פון די וויסענשאפטען בע־שטעהט פון 40 מיטגליעדער. אויפגענומען ווערען דאר־ט נאר די גרעסטע געלעהרטע, שריפטשטעלער און דיכטער. און דאס העכסטע אידעאל פאר יעדען געלעהרטען איז, אויפגענומען צו ווערען אין די ריהע פון די'זע 40 „אונשטערבליכע“.



די אונגארישע קריזע : יוליוס פון יוסטה, דער פרעזידענט פון רייכסטאג.

פלאץ פאר א נייעם מיטגליעד איז נאר דעמולט פאראהאנען, ווען עס שטארבט א פריהער מיטגליעד און די איבערגעבליעבענע מיטגליעדער וועהלען דעם נאכפאל־גער. נאטירליך געהט דא פאר אויך א ביסעל פארטיי־ליכקייט. און אזוי האט, למשל, עמיל זאלא נישט געקענט בעקומען דארט קיין פלאץ, ווייל צווישען די על־טערע אקאדעמיקער האבען זיך געפונען פיעלע זיינע געגנער.

איבערראשען מוז עס איבעראל. אז איצט, ביי דער בעפארשטעהענדער וואהל פון נייע מיטגליעדער, ווערד גערעכענט אלס אויסזיכטספולער קאנדידאט דער בעזיצער פון א פאריזער בראנטוויין־שענק מישעל פאנס. דער שענקער איז איז אויך א בעקאנטער דיכטער און דראַ־מאטיקער און ער איז בעשטימט איינצונעהמען אין דער אקאדעמיע דעם זיץ פון'ם יונגסט פערשטארבענעם דיכטער פראנסאא קאפּפּע.

מען איז נאר נייגעריג, אויב מישעל פאנס, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין דער היינטיגער נומער, וועט נישט אויך שפּעטער, אלס איינער פון די 40 „אונשטערב־ליכע“, שטעהען אינטערן שענקטיש און בעדיענען זיינע געסט!...



רייכס־ראטהס־וואהל אין סאמבאר־גראדעק : דער דעמאקראטישע קאנדידאט דר. אדאם דאבאשינסקי

# דער פריעדענס פאלאץ אין האאג.

די ערא־גניסע אין די לעצטע חדשים האבען בע־וויזען, ווי ווייט די מענשען זענען נאך פון דער אידע־אלען צייט, ווען דער וועלט פריעדע וועט נישט מעהר ווערען בעדראהט פון קיינעם און עס וועלען מקויים ווערען די ווערטער פון'ם נביא: וכתתו חרבתים לאתים והניתותיהם למזמרות. לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה"...

צום וועלטפריעדען איז נאך זעהר ווייט. אין אלע קולטור־פעלקער קלערען כסדר אויס נייע מיטעל, ווי אזוי צו זיגען אים קינפטיגען קריעג, וועלכער מוז קומען, פריהער א־ער שפעטער!..

דער „פריעדען" איז אלזא נאך לאנג נישט געווארען! אלע פריעדענסקאנפערענצען קאנגרעסען פער־זאמלונגען, פעראיינע, אגיטאציעס און בראשורען, זענען לעת־עתה נישט מעהר ווי טהעארעטישע זאכען, וואס האבען אים פראקטישען לעבען נאר ווייניג בעדייטונג.

אבער דאפאר האבען מיר שוין א גרויסארטיגען פריעדענספאלאץ אין האאג, אין דער יעניגער שטאדט, וואו עס זענען אבגעהאלטען געווארען די אפי־ציעלע פריעדענסקאנפערענצען! דאס הייסט, לעת־עתה ווערד דער פאלאץ ערשט געבויעט, אבער די פלעגער זענען שוין פארטיג און געלד פאר'ן בוי איז אויך פאר־האנ־דען.

געשפענדעט האט עס דער אמעריקאנישע מיליא־נער קארנעגיע און צוואר א עיך פון 10 מיליאן פראנק. מען האט בעשטימט א בעזונדער קאמיטע און אויסגע־שריעבען פרייזע פאר'ן בעסטען פלאן. נישט ווייניגער פון צווייהונדערט זעכצעהן פלענע מיט איבער דריי טויזענד צייכנונגען זענען איבערגעגעבען געווארען. דעם ערשטען פרייז האט בעקומען דער פראנצויזישע ארכיטעקט קארדאנגיער און לויט זיין פלאן מיט עטליכע קליינע ענדערונגען ווערד דער פאלאץ אויך געבויט.

ביי דער לעצטער פריעדענסקאנפערענץ אים יאהר 1907 איז געלעגט געווארען דער ערשטער שטיין און זייט דעמאלט ווערד אין דעם בוי נעארבייט. באלד וועט ער שוין שטעהען פערטיג.

דער פאלאץ איז לאנג און ברייט צו יע 78 מע־טער. דער גרויסער טהורם איז הויך 80 מעטער, דער קלענערע 50 מעטער. די מאטעריאליען צום בוי זענען געליעפערט געווארען פון די פערשיעדענע לענדער, כדי אלע זאלען האבען אן אנטהייל אין דעם שטאלצען ווערק, וואס איז בעשטימט צו זיכערן דער וועלט דעם פריעדען...

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער א בילד פון דעם פריעדענספאלאץ, ווי אזוי ער וועט אויסזעהען פערטיגער־הייט.

ווער ווייסט אבער, ווי לאנג ער וועט שטעהען לער, ביז דער חשוב'ער גאסט, דער פריעדען, וועט זיך דארט בעזעצען אלס שטאבילער איינוואהנער! ?



דער פריעדענספאלאסט אין האאג.

# נייע דענקמעלער אין פעטערסבורג.

אין פעטערסבורג האט מען איצט געעפענט דעם דענקמאל פון דעם קייזער אלעקסאנדער דעם דריטען, וואס שטעלט פאר דעם קייזער רייטענדיג אויף א פערד. וועלכער איז איינער פון די גרעסטע און שענסטע דענק־מעלער פון דער וועלט. דער קינסטלער, וואס האט גע־מאכט דעם דענקמאל איז דער פירשט פאאלא טרובעצקאי, א רוסישער פירשט, וואס איז ערצויגען געווארען אין פראנקרייך און קען ניט ריידען קיין ווארט רוסיש אין האט אויך אין קיין ארט ניט געלערנט די קונסט, פונ־דעסטוועגען האט זיך איהם איינגעגעבען צו שאפען א דענקמאל, וואס ווערט בעוואונדערט פון די קונסט־קענער, וואס זעהען אין איהם דעם אויסדרוק פון א אריגי־נעלען רוסישען גייסט. און דער פירשט טרובעצקאי איז באמת א אריגינעלער מענש.

דער פירשט טרופעצקאי לעבט נאנץ אליין, זיין וואָרשטאט איז פול מיט פערשידענע חיות, וועלכע ער ליעבט זעהר. ביי איהם אין ווארשטאט געפינען זיך ניט ווייניגער ווי 32 פערשידענע הינד, צוויי הערשען, א וואלף, א בער, א באראן מיט א האז און אלע חיות לעבען בשלום צווישען זיך.

אויף דעם דענקמאל האט טרובעצקאי געארבייט 6 יאהר. ער איז ארומגעפאהרען איבער גאנץ איראפא זוכען א פערד, וואס זאל פאסען צו דעם צוועק, ער האט אבער אין קיין ארט ניט געפונען קיין פאסענדען פערד. מען האט איהם ענדליך געבראכט אויסקלויבען פערד פון די קייזערליכע שטאלען, וואו ער האט שוין געמוזט אויס־וועהלען איינעם. די פארמע פון פערד האט זיך אהם נישט אזוי לייכט איינגעגעבען. דעם ערשטען פערד, וואס ער האט געמאכט זענען געקומען בעקוקען גרויס לייט פון הויף. צווישען וועלכע ס'איז אייך געוועזען דער גרויספירשט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש.

— דאס איז נישט קיין פערד נאר א אקס. — האט דער גרויספירשט געזאגט.

טרובעצקאי האט געמוזט צוברעכען דעם פערד און נעהמען מאכען א צווייטען.

ווען די צווייטע פארמע איז געווען פארטיג זענען געקומען אלס מבינים גראף וויטע מיט'ן מאלער בענוא. וויטע האט דערזעהענדיג דעם פערד אויסגעפייפט דעם קינסטלער און בענוא האט זיך פונאנדערגעלאכט. אזוי שלעכט איז דער פערד געווען געמאכט. ערשט צום דריטען מאל האט זיך די ארבייט איינגעגעבען.

שווערער איז געווען צו קריגען א מענשען, וואס זאל קענען דיענען אלס מאדעל פאר דעם קייזער אלעק־סאנדר דעם דריטען. טרובעצקאי איז ארומגעגאנגען איבער אלע קאזארמעס און האט געזוכט צווישען די סאלדאטען א פאסענדע פיגור. ער האט אויסגעקליעבען 18 מענשען גרויסע שטארקע פאר דער קאמיסיע וואס איז בעשטא־נען פון גראף וויטע, פירשט גאליצין און פירשט טרו־בעצקאי און האט אנגעהויבען צומעסטען דעם קייזערס מונדיר צו די מענשען. אם בעסטען האט ער געפאסט אויף איינעם פאסטאוו וועלכען מען האט ארויפגעזעצט אויפ'ן פערד, אויף וועלכען ער איז אבגעזעסען 11 חדשים צו זעקס־זיעבען שעה א טאג.

אז דער פערד פלעגט פערמאטערט ווערען, האט מען געבראכט א צווייטען און א דריטען פערד און ער האט געמוזט זיצען. פאסטאוו האט זיך געבעטען מען זאל איהם לאזען צורוה, ווייל ער האט שוין קיין כח נישט [illegible] האט אבער ניט געהאלפען, ער האט געמוזט זיצען און דער פירשט האט געארדענט די פארמע. נאר ווען דער פירשט אליין פלעגט שוין בלייבען אהן כחות פלעגט ער פאסטאוו'ן לאזען געהן א היים. אז ער פלעגט קראנק ווערען פון לאנג זיצען פלעגט איהם דער פראפעסאר



א מיליאנער אלס זאנדערלינג: דער פערשטארבענע מיליאנער שאשאר.



נייע דענקמעלער אין פעטערסבורג: דאס דענקמאל פון צאר אלעקסאנדער III

באשקין היילען און ער האט געמוזט ווידער ארויף אויפ'ן פערד.

דערפאר האט פאסטאוו בעקומען 90 רובל א חודש שכירות און די קייזערליכע מלבושים. וואס ער האט געטראגען בשעת דער ארבייט. האט ער בעקומען א מתנה צום אנדענקען.

* * *

בקרוב וועט אין פעטערספורג ענטהילט ווערען א דענקמאל לכבוד דעם צאר פעטער דעם גרויסען צום אנדענקען אן די שלאכט פון פולטאווא פאר 200 יאהר. וואו דער צאר פעטער דער גרויסער האט פערניכטעט די שוועדישע מאכט און דאמיט געלעגט דעם פונדאמענט צו רוסלאנד'ס גרויסקייט.

דאס דענקמאל. וועלכעס איז אנגעפערטיגט געווארען פונ'ם פאריזער בילדהויער מארקום בערנשטאם (א יוד). שטעלט פאר דעם צאר אלס שיפסבויער. ווי ס'איז בעקאנט, האט פעטער דער גרויסער א צייט לאנג געארבייט אין האלאנד ביים בויען פון שיפען און האט די מלאכה גרינדליך ערלערנט.

מיר ברענגען אין אונזער הייגטיגען נומער די בילדער פון דיעזע ביידע דענקמעלער לויט אריגינעלע פאטאגראפיעס.

# אבגעזעגענט אויף אייביג.

א העכסט טראגישער פאל האט זיך פאסירט וואך ערשיינענעס אין וויען.

דער 24-יעהריגער קוטשער פ־אניץ בארעק האט בעגלייט זיין כלה, וועלכע איז אבגעפאהרען פון וויען, צום באהנהאף.

ער איז מיט איהר איינגעשטיגען אין וואגאן און זיך דארט הערצליך אבגעזעגענט.

נאך איידער ער איז פארטיג געווארען, דערשפיערט ער אז דער צוג הייבט שוין אן צו פאהרען, און ער שפרינגט שנעל אראב פונ'ם וואגאן.

אבער דער צוג איז דערווייל שוין איינגעפאהרען אין א קליינעם טונעל. און בארעק האט זיך ביים אראבשפרינגען אנגעשלאגען אין דער וואנד פונ'ם טונעל און איז צוריקגעווארפען געווארען אונטער די רעדער.

זיין כלה פאר די אויגען דאבען איהם די רעדער אויף שטיקער צעהאקט. ער האט זיך אבגעזעגענט אויף אייביג.

אויף אלע רייזענדע האט דאס שרעקליכע ערייגניס. פון וועלכען מיר ברענגען א אריגינעלעס בילד, אין אונזער הייגטיגער נומער, געמאכט א ענטזעצליכען איינדרוק. די כלה איז שיער משוגע געווארען פאר שמערץ.

אבער יעדע רעטונג איז געווען אומזיסט. דער אומגליקליכער איז געבליבען א לייכע אויפ'ן ארט.

# א מיליאנער אלס זאנדערלינג.

אין פאריז איז אם 8 טען יוני געשטארבען דער בעקאנטער מיליאנער שאשאר דער בעזיצער פון בעריהמטער וואארענהויז „לובר", 88 יאהר אלט.

שאשאר איז מיט 50 יאהר צוריק געקומען קיין פאריז אלס ארימער מענש און האט צוזאמען מיט זיין שותף באנציקא געעפענט א מאגאזין פון גאלאנטעריע. דאס געשעפט האט געשווינד אויפגעבליהט. אין די ביידע שותפים האבען זיך צוטיילט. באנציקא האט געגרינדעט דעם „באן־מא־שע". וועלכער איז היינט דער גרעסטער באזאר אין דער גאנצער וועלט, און שאשאר האט, צוזאמען מיט'ן מאיאר העריא, געגרינדעט דעם בעריהמטען „לובר־באזאר", וועלכער געפינט זיך אנטקעגען „לובר־מוזעאום".

ער איז געווארען כסדר רייכער און רייכער און זיין פערמעגען איז באלד געשטיגען ביז אין די מיליאנען. ווי עס הייסט, זאל זיין יעהרליכע הכנסה אין די לעצטע יאהרען האבען דערגרייכט די סומע פון 7 מיליאן פראנק.

שאשאר איז, אים געגענזאץ צו אנדערע אויפגעקומענע מיליאנערע, נישט געווען קארג. אדרבה, ער פלעגט יעהרליך אויסגעבען אונגעהויערע סומען פאר וואהלטהעטיגע צוועקע, מאנכמאל א מיליאן אויף א מאל. זיין פאלא'ין אין דער עווענוי בעלאסקיוע'ן און זיין זומערוואהנונג אויף דעם רען־פעלד פון לאנגשאמפ זענען געווען אויסגעשטאטעט מיט דער גרעסטען פראכט. זיין בילדערגאלעריע אליין האט א ווערטה פון 20 מיליאן פראנק, קויפען פלעגט ער נאר דאס טהייערסטע און בעסטע.

די צוואה פון דעם מיליאנער האט ערווענט דאס גרעסטע אויפזעהען, לויט זיין וואהלטעטיגקייט ביים לעבען האבען די ארמע פון פאריז און אויך די וואהלטהעטיגע אינסטיטוציעס ערווארט, אז ער וועט זיי פערשרייבען דעם גרעסטען טהייל פון זיין פערמעגען.

צום סוף האט ער פאר זיי בעשטימט קוים 200,000 פראנק. די אנגעשטעלטע פון „לובר" האבען בעקומען 3 מיליאן פראנק. דער דירעקטאר פון דער צייטונג „פינאנס" 2 מיליאן, די קונסט־זאמלונג „לובר" 2 מיליאן. דער געוועזענער מיניסטער לייגועס 15 מיליאן. די בילדערגאלעריע בעקומט דער שטאט — דעם רעשט פערמעגען די פרוי פונ'ם סענאטאר בורין... אים גאנצען האט שאשאר איבערגעלאזט א פערמעגען פון 130 מיליאן.

אם זאנדערבארסטען זענען יענע פונקטען פון דער צוואה, וועגען דער לויה פון דעם מיליאנער. ער דאט אין דעם טאג, וואס מען האט איהם געמאכט א אפעראציע, פערשריבען אין זיין צוואה 40 טויזענד פראנק, מיט'ן צוועק, אז באלד נאך זיין טוידט זאל מען טעלעגראפיש וועגען דעם מודיע זיין אין דער גאנצער וועלט. ער האט שטארק מורא געהאט פאר'ן טוידט און האט דאריבער געוואלט אז נאך זיין טוידט זאל מען א סך רעדען וועגען איהם, און ער זאל האטש בלייבען לעבען אין זכרון פון אנדערע.

אבער האטש דער אלטער און גרויסער מיליאנער האט זיך זעהר שטארק געשראקען פאר'ן טוידט, האט ער דעם טאג פון דער אפעראציע ארויסגעגעבען בעפעהלען ווי אזוי זיין קבורה זאל איינגעארדנעט ווערען. שאשאר האט געוואלט קייזערליך בעגראבען ווערען און האט דאריבער פערלאנגט אז זיין קבורה און די גאנצע צערעמאניע פון דער לויה זאל געמאכט ווערען לויט'ן געשמאק פון לודוויג דעם 15־טען.

ער האט פערלאנגט, אז די טרעגער פון דער מטה, די קוטשער פון דער עגלה און די איבעריגע דיענער זאלען זיך אנטאהן די בגדים מיט די וואנסעס און זאלען טראגען נאנ'ץ ספּעציעלע נייע בעגרעבנים־קאסטיומען.

די דאזיגע פארערונג האט ארויסגערופען א גרויס אויפרעגונג צווישען די קברות־לייט. זיי זאלען צוליעב א קאפריז פון א גביר זיך לאזען די וואנסעס. וואס שפיעלען ביי זיי אזא ראליע, אראבנעהמען! דאס האט זיי שטארק פערדראסען. עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז די



אבגעזעגענט אויף אייביג: פאר די אויגען פון דער כלה פאלט דער חתן אונטער די רעדער פון וואגאן און ווערד צעקהאקט



א מיליאנער אלס זאנדערלינג: די לויה פונ'ם מיליאנער שאשאר.



דער קראנפרי-ץ פון סיאם אין לאָנדאָן

קברות-לייט זאָלען אויס-ופּען א אלגעמיינעם שטרייק און זיך אבזאגען פון זייער ארבייט.

עס האט נעקאסט פיעל מיה, איידער זיי האבען נאכגעגעבען.

שאשאר האט געוואלט ליעגען אויפ'ן פער לאשעז. דעם בית הקברות פון די בעריהמטע מענשען, און שוין צוויי יאהר וואַרט אויף איהם דאָרט א צוגעגרייטער קבר. אויפ'ן קבר וועט אויפגעשטעלט ווערען דעם מיליאנער'ס בילד, אויף וועלכען איינער פון די גרעסטע פאריזער קינסטלער ארבייט שוין דריי יאהר. א מערקווירדיגע טרומנע א מייסטערשטיק פון טהייערען האָלץ איז שוין פון לאנג פאַרטיג. זי האט געקאסט 20 טויזענד פראנק. דער קבר אליין קאָסט 80 טויזענד פראנק. אויף קאסטען פון דער לויה אליין האט שאשאר פערשריעבען 200 טויזענד פראנק.

ער האָט זאגאר בעפוילען, אז פון קירכע זאל זיך ציהען די לויה אין בעגלייטונג פון 4000 בעאמטע און משרתים פון „לובר". דורך די בולווארען צום פער לאשעז. כדי גאַנץ פאריז זאל קאנען זעהן און בעוואונדערען זיין לעצטע רייזע. אויך מיט הספדים האט ער זיך אין זיין



די עלטסטע פרוי פון וויען, קאטארינע בלוי, איז געשטארבען אים אלטער פון 106 יאהר

צוואָה פערזארגט. און האט בעשטימט, וועלכע רעדנער און פריינדער זאלען רעדען אויף זיין קבר.

די קליידער אין וועלכע מען האט איהם בעגראבען, זענען געווען אויסגענעהט מיט פערל אים ווערטה פון א האלבער מיליאן פראנק.

די ארמע פון פאריז האבען ביי דער לויה געמאכט דעמאנסטראציעס נעגען דעם ואנדערלינג און אויך די אנגעשטעלטע זענען מיט זיין צוואה נישט צו פריעדען געוועזן.

די פאליציי האט געמוזט עטליכע מאל איינשרייטען, כדי צו פערהיטען, מען זאל איהם נישט אראבוואַרפען פונ'ם טויטען-וואגען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פון דעם פערשטארבענען, ווי אויך א בילד פון זיין לויה.

# א לייב אים אויטאמאביל.

א ארגינעלען, אבער זעהר שלעכטען וויטץ האט זיך ערלויבט דער לעווענבענדיגער פון א מענאושעריע אין א גרויסער דייטשער שטאדט.

ער האט ארויסגענומען א גרויסען לייב פון זיין שטייג, איהם אריינגעזעצט אויף א אויטאמאביל און איז מיט איהם ארומגעפאהרען דורך די גאסען פון דער שטאדט.



דובראווין און קרושעוואן: דר. דובראווין.

דער לייב איז אפילו געווען אנגעבונדען מיט א אייזערנער קייט צום אויטאמאביל. אבער די געפאהר, אז ער וועט זיך אברייסען, איז געווען גענוג גרויס און איבערהויפט ווען דאס אויטאמאביל איז געפאהרען מיט א ראזענדער שנעלינקייט און דאס טרומייטערן פונ'ם שאפער האט איהם איבערגעשראקען, האט דער לייב ארויסגעלאזט אזא שרעקליך געברום, אז די גאסען האבען זיך באלד אויסגעליידינט און אלע מענשען האבען זיך בעהאלטען אין די קעלער'ס פאר דער געפעהרליכער בעסטיע.

באלד איז אויך דערפון וויסען דער פאליציי נישט געפעלען, מען האט דעם לוסטינען לייב-בענדיגער מיט זיין לייב אריבערגעפיהרט צום קאמיסער און איהם מכבד געוועזן מיט א גרויסער געלדשטראפע. אזוי אז ס'וועט זיך איהם שוין אפגליסטען אזעלכע וויצע.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינעל בילד. פאָרשטעלענדיג דעם לייב אים אויטאמאביל.

# די עלסטע פרוי פון וויען.

אין וויען איז פאריגען שבת געשטארבען די פרוי קאטארינע בלוי, 106 יאהר אלט.



א שענקער אלס מיטגליעד פון דער אקאדעמיע.

די אלטע פרוי איז אין איהר לאנגען לעבען נאר זעלטען קראנק געוועזן. האט זיך געפיהלט ריסטיג ביז אין דער לעצטער צייט און געהאט א גוטען אפעטיט.

ביז צום 96 יאהר איז זי געוועזן א הויזירערין און געלעבט פונ'ם איינענעם פערדיענסט. ערשט אין די לעצטע צעהן יאהר איז זי געקומען צו איהרע קינדער.

פרוי בלוי, וואס איהר בילד ברענגען מיר אין היינטיגען נומער, האט צוריקגעלאזט 28 איניקלעך און 4 אור-אייניקלעך.

# יעקב גארדין.

פון ניו-יורק קומט די ידיעה. אז דער בעקאנטער יודישער דראמאטיקער יעקב גארדין איז געשטארבען פון א קרעבסקראנקהייט.

יעקב גארדין איז געוועזן איינער פון די טיכטיגסטע יודישע טהעאטער-דיכטער. די דראמאטיקער פאר איהם, אנגעפאנגען פון גאלדפאדען ביז צום לעצטען שרייבער'ל,



דער פערשטארבענע פרעזידענט פון בראזיליען.

האבען בעטראכטעט די יודישע ביהנע אלס א ארט פון בעלוסטיגונג און אונטערהאלטונג. זיי האבען געשריעבען שטיקע מיט „געזאנג און טאנץ“, טראגעדיעס, וואס מען איז זיך ביי זיי צערקראכען פאר געלעכטער, און קאמעדיעס, וואס האבען געריהרט צו טרעהרען.

ערשט יעקב גארדין האט געבּ־ענגט ע ר נ ס ט ע שטיקע אויף דער יודישער ביהנע און ביי אלע זיינע פעה־לער קומט איהם דאס פערדיענסט, אז ער האט די ביהנע מאדערניזירט און געבעסערט דעם געשמאק פון פובליקום.

געבוירען 1־טען מאי, 1853 אין מירגארד, פאל־טאווער גובערניע, ביי א פאטער א משכיל, האט יעקב גארדין געהאט דאס גליק צו געניעסען א סיסטעמאטישע בילדונג.

אין 1870 ד. ה. ווען ער איז נאר 17 יאהר אלט געוועזען, האט ער שוין אנגעהויבען מיטצואַרבייטען אין פערשידענע רוסישע צייטונגען און זשורנאלען.

אין 1880 האט ער געגעבען אין דער וואכענשריפט „נידעליא“ א גאנצע רייהע קליינע ערצעהלונגען פון יודישען לעבען, און האט אנגעשריעבען איין גרויסע ער־צעהלונג, אונטער דעם נאמען: „ליבעראל־נארארניק“.

שפעטער האט זיך איהם פערגלוסט צו „פערבעסערן די וועלט“ און ער האט געגרינדעט א סעקטע „ביב־לישע בריעדערשאפט“, לויט טאלסטאי׳ס פרינציפען, וואס איהר הויפט אויפגאבע איז געווען „מענשענליעבען“.

די קליינע סעקטע האט עגזיסטירט עטליכע יאהר, די אדמיניסטראציע האט געפונען די „סעקטע“ פאר שעד־ליך און האט זי אנגעהויבען צו פערפאלגען.

גארדין אליין האט געמוזט אבפאהרען קיין אמעריקא.

אבגעפאהרען איז ער פון אדעס, און ווי ער אליין האט דערצעהלט, האבען איהם צום וואקזאל בעגלייט זעהר פיעל קריסטען — אינטעליגענטען טשינאווניקעס, צייטונגס־שרייבער — און קיין איינציגער איד, נאר פשוט, מחמת גארדין איז דאמאלס געוועזען אזוי ווייט פון דער יודישער וועלט, ווי די יודישע וועלט פון איהם.



א נייע אייזענבאהן־סיסטעם: דער באהנהאף אין א גרויסער שטאדט.

נאכמעהר, גארדין האט קיין ווארט יודיש נישט פערשטאנען, רעדען און שרייבען יודיש האט ער זיך אויסגעלערנט ערשט אין ניו־יארק.

דא האט זיך פאר איהם איבערהויפט געעפענט א נייע וועלט, די גרעסטע יודישע קהלה אין דער וועלט, מיט איהר פיעל־פארבינען לעבען, האט ניט געקענט ניט מאכען קיין איינדרוק אויף גארדינ׳ס רייכע נאטור. ער האט שנעל תופס געוועזען דאס יודישע לעבען און געזע־הען, אויף וועלכען פעלד ער דארף ארבייטען. ווען ער דארף אויפגעבען זיינע קרעפטען און ווער עס נויטיגט זיך אין זיי.

ער האט אויך דא גענומען מאכען רעפארמען, און דאס ערשטע וואס ער האט גענומען רעפארמירען, איז געוועזען די יודישע ביהנע.

א שווערען קאמפף האט ער געהאט אויסצושטעהן ארויסצושטופען גאלדפאדענס „טעאטער־שטיק“ און אפע־רעטקעס מיט לאטיינערס פיעסען.

אבער גארדין איז גע־וועזען אן־עקשן.

שוין אין 1891 האט מען אויפגעפיהרט זיין ערשטע שטיק „סיבירי“ און פון דא־מאלס אן, זענען זיינע פיעסען נישט אראפ פון דער אידי־שער ביהנע אין אמעריקא.

דעם יודישען פובליקום איז ער גוט בעקאנט מיט זיין „יודישען קעניג ליר“, „די שחיטה“, „מירעלע אפרת“, „קרייצער סאנאטא“, „גאט, מענש און טייפעל“, „די יודישע סאפא“, „דער ווילדער מענש“ און אנדערע. זיינע ערפאלגע זענען געווען נאר גרויס, מא־ראליש און מאטעריעל. ער האט בעקומען פאר זיינע שטיקע האנאראַרע ווי להבדיל גוישע שרייבער און דאס איז ביי אונז יודען זעהר א גרויסע זאך... עטליכע פון זיינע דראמאס זענען אויך איבערגעזעצט געווארען אין אנדערע שפראכען.

גארדין, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטי־גער נומער, איז אלט געווא־רען 56 יאהר. ער האט נאך געקענט זעהר פיעל לייסטען און אפשר אויך גוט מאכען די פעהלערן, וואס ער האט בעגאנגען אין עטליכע פון זיינע ווערק.

אבער א געפעהרליכע קרעבס־קראנקהייט האט אב־געהאקט זיין לעבען. תנצב״ה.



דער ליב אים אויטאמאביל.

# העברעאישע פאסטאנוויי־זונגען.

די פ־אנע „העב־עאיש ארער יודיש“ בעשעפטינט אלע אונזערע מאדערנע שריי־בער און פאליטיקער... און פיעל פון זיי צערברעכען זיך די קעפ דאריבער, אויב די העברעאישע שפראכע האט נאך א צוקונפט אדער אויב זי וועט אים גאנצען פער־דרענגט ווערען פון דער יודישער שפ־אכע, דעם אזוינע־רופענעם זשארגאן...

די גאנצע פ־אגע איז נאטירליך צוועקלאז. דאס לעבען, דאס פראקטישע לעבען ריקטירט זיינע בעדינגונ־גען און פ־עגט נישט נאך די גרויסע טהעאריעס... דאס לעבען, דאס פ־אקטישע לעבען וועט אויך ענטשיידען די פ־אגע פון „העב־עאיש אדער יודיש“ גאנץ אונאב־העננינ פון קאנפערענצען און צייטונגסארטיקעל...

דאס קען מען איצט זעהען פון א גאנץ פשוטן פאל. אין עסטערייך ווערד העברעאיש נישט בעטראכט אלס לעבענדיגע שפ־אכע, א קאנטראקט אויף בינעזיש, למשל, האט דא די פולסטע גילטיגקייט, דאקעגן קיין איינציגער עסטערייכער קען אפילו נישט דעם אלף־בית פון דעם לשון. אויף העברעאיש דאגעגען האט קיין שום קאנט־אקט נישט קיין רעכטליכע גילטיגקייט, האטשי צעהנדליגער טויזענדער יודען אין עסטערייך שרייבען העברע־איש און עס עקסיסטירען דא אפילו העברעאישע צייטונגען.

ווען דאס פראקטישע לעבען אבער ערפאדערט עס, מוז אויך די עסטערייכישע רעגירונג זיך בענוצען מיט דער שפ־אכע אפילו אים אמטליכען פערקעהר.

פאר אונז ליעגט א עסטערייכישע פאסטאנווייזונג. אויפגעגעבען אויף דעם עסטערייכישען פאסטאמט אין דער קאלאניע „ראשון־לציון“ אין ארץ־ישראל, זי איז העברעאיש און פראנצעזיש און די אונטערשריפט פונ׳ם בעאמטען איז העברעאיש... זי איז אדרעסירט צו א גע־וויסען סעגאל אין לעמבערג און מען האט זי נאטירליך אהן שום טענות אין לעמבערג אויסגעצאהלט...

אט דיעזע העברעאישע פאסטאנווייזונג, פון וועל־כער מיר ברענגען א בילד אין היינטיגער נומער, איז א בעווייז, אז אויב דאס פראקטישע לעבען וועט עס ער־פאדערן, וועט דאס העבראישע אנערקאנט ווערען פאר א שפראכע אפילו פון די עסטערייכישע ביוראקראטען.



יעקב גארדין דער פערשטארבענע יודישע דראמאטיקער.

# פרעמיעס

פאר די אבאנענטען פון דער

## „יודישעז אילוסטרירטען צייטונג".

א) ווער עס אבאָנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" דירעקט בּיי דער אַדמיניסטראַציע אין קראקא וועניגסטענס אויף א האלב יאהר, אריינשיקענדיג דאס געלד אים פאָרויס, בעקומט די נאַכשטעהענדע 15 העפטע פון דעם בעריהמטען, האָכשפאנענדען דעטעקטיוו־ראָמאַן „מאקס שפּיצקאפּף (יודישער שערלאק האלמעס), וועלכע קאָסטען צוזאמען 3 קראנען, בּלויז

## פאר 1 קראנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

יעדעס העפט ענטהאַלט א גאַנצען אבגעשלאָסענע האָכשפאנענדע ערצעהלונג, קיין פאָרטזעצונג. מיט שענער אילוסטראַציע.

די העפטע ענטהאַלטען פאַלגענדע ערצעהלונגען:

1) גערויבט צו דער שמד...
2) באַנקנאָטען פעלשער.
3) עלילת דם...
4) א רעטהועלהאפטער מארד.
5) דער שמוגלער...
6) דאס געפעלשטע טעסטאַמענט.
7) דער שפיאָן.
8) דער מערכען הענדלער.
9) דער באַנק־איינברעכער.
10) די קינדער־מערדערין.
11) דער טויטען־גרעבער.
12) דאָס געהיימניס פון א מיליאָנער.
13) די רערטרונקענע כלה.
14) דער מיסיאנער.
15) די נאַכטוואַנדלערין.

ב) אנשטאַט דיעזע העפטע קען מען אויך בעקומען די פאָלגענדע וויכטיגע ספרים פון דעם גרויסען ודישען געלעהרטען דר. ש. רובין:

א) תהלת הכסילים, ב) ספור יצירת העולם, ג) שני לוחות הפילוסופיה.

וועלכע קאָסטען 4 קראנען, בּלויז

## פאר 1.50 קראנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

ג) ווער עס אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" אויף א גאנץ יאהר און בעצאהלט אים פאָרויס, בעקומט ענטוועדער די 15 העפטע מאקס שפיצקאָפּף אדער די ספרי דר. רובין

## גאנץ אומזיסט.

די אבאנענטען בּרויכען נאָר צו שרייבען, וועלכע פרעמיע זיי ווינשען: האלב יעהריגע אבאנענטען בּרויכען גלייכצייטיג צוצושיקען דאָס געלד פאַר דער פּרעמיע.


יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ!

## גימנזיום עברי

Jüd. Pr.-Gymnazyum des Dr. Jung, Storozynetz (Bukowina)

גרינדליך אונד ערפאָלגרייכער אונטעררכט אין אללען לעהר־געגענשטענדען דעם גימנאזיומס אונד דער יודישען ליטעראַטור! תנ"ך, רש"י, גמרא, שלחן ערוך וכתב ולשון עברי; אינדיווידועללע, שטרענגרעליגיעזע ערציעהונג! גלענצענדע רעזולטאַטע: לייטער דער העברעאישען פּעכער: ההי"ג מו"ה משה דוד גראס לפנים רב בק"ק לוצערן (שווייץ) מחים דע סה שתשיב.

אין דען מאנאטען יוני, יולי, אויגוסט פאָרבערייטונגס־קלאססע דאָרטזעלבסט!

Die Leitung: אויסקונפט ערטיילט:



## זיכערע הילף געפינט יעדער

אין האפּראַט פּראָפעסאר דאקטאר מ. גרובערס בעריהמטען ביכעל

## „דאס געשלעכטסלעבען"

אייגפאַך יודיש בעאַרבייט

סיענטהאַלט: דאס היילען פון אלערליי מענערקראַנקהייטען פון אוגאני (א געהיימע ליידענשאַפט ביי יונגע מענשען, פאר א בחור זעהר וויכטיגע עצות. אויסגעצייכנעטע מיטעל פאר יונגע לייט

פראַנקאָ פאר 1.10 קראנע (50 קאָפּ.) אין פאָראויס.

ביי: H. Fränkel in Gwoździec, (Galizien)



## 10.000 הויזהאַל־טונגען

בענוטצען בערייטס די פאַטענט בוטטער „מאַנאפאל".

דיעזע בוטטער איזט דער נאַטורבוטטער צו יעדער בעציעהונג גלייך יעדאך בעדייטענד ביללינער. קיינע הויזפרוי פערזיימע איינען פערזוך דאמיט צו מאכען. וואו פאטענט בוטטער נישט פארהאנדען איזט ווענדע מאן זיך דירעקט אן דער

I. Oesterr. Pat. Butterfabrik „MONOPOL"

Krakau, Jasna 8.

פרייז פער ½ קילא קרא. 1.20.



## עפּילעפּסיע.

ווער עס אן פאללזוכט, קרעמפּפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט, פערלאַנגע בראָשירע דאריבער. ערהעלטליך גראַטיס א. פראַנקא דורך די

Privil. Schwanen-Apotheke Frankfurt a. M.





## גראַטולאַציעס.

איך גראַטוליערע ה' מאריץ וויין און פ"ל. עממא לינדער צו זייער פערמעהלונג.

מאריץ פ"כסברוינער.

גראַטוליערע הערצליכסט צו דער פערלאבונג פון פ"ל. צעציליע בערט־אַם מיט ה' חיים טרוי.

בערנארד בערט־אם. אַנטווערפּען.

**Repertuar Teatru Ludowego w Krakowie:**

Środa: po raz 14-tej »Figle wiosenne« operetka w 3 aktach.
Czwartek: »Otello«, tragedya w 5 akt. Szekspira. Tytułową rolę odtworzy dyr. E. Rygier, który rolę »Otella«, zazdrosnego murzyna, zalicza do swoich najlepszych kreacyj.
Piątek. po raz 2-gi »Otello«.
Sobota: »Małka Szwarcenkopf«, sztuka w 5 aktach G. Zapolskiej.
Niedziela popoł.: »Małka Szwarcenkopf«.
Niedziela wiecz.: »Otello«.
Poniedziałek: „Ona i jej mąż" f rza w 4 aktach ze śpiewami i tańcami.
Wtorek: „Lalka" operetka w 4 aktach, na benefis Jadwigi Brzozowskiej, ostatni raz występującej w Krakowie.





Im Verlage von F. Simon, Berlin W. 62

sind erschienen und à 25 Pf zu beziehen:

**12 Hefte von Simon's kaufmannischer Universal-Bibliothek**

1. Das Wesen der Buchführung speziell des amerikanisch. Systems
2. Praktische Rechenvorteile
3. Das Geheimbuch und die Detailgeschäftskontrolle (Umwandlung der einfachen Buchführung in die doppelte)
4. Stellenbewerbungs-Korrespondenz mit vielen Bewerbungsbriefen
5. Privat-Buchführung für Chef, Kommis und Lehrling
6. Briefschreibekunst
7. } Markt-Berichte und Erklärung der Waren-
8. } börse
9. } Prozesskunde mit Formularen (1 und
10. } 2 Teil)
11. Verjährung
12. Hypothekenwesen.

**Jedes Heft 25 Pfg.**

und inklusive Porto 28 Pfg. — 34 h. — 17 Kop

**Wechselwesen und Wechselrecht** einfach und übersichtlich 75 Pfg.

**Die einfachste Buchführung** für die speziellen Bedürfnisse des Kleinhandels bearbeitet vom gerichtlichen Bücherrevisor **Ferdinand Simon**. Das praktischste Buch dieser Art. Preis nur 1 M.

**Kalkulations-Wesen** Separat-Abdruck aus meinem Buche »Gründliche Unterweisung« 1 M.

**Bankier u. seine Kundschaft 1,50 M.** (Erklärung der Diskont-, Devisen-, Börsengeschäfte etc.)

Der Versand erfolgt franko, gegen Voreinsendung des Betrages und 20 Pfg. für Porto vom Verlag:

**F. Simon Berlin W. 62.**

**Lecznica chirurgiczna Załad Roentgenowski**

**Dr. Artura Frommera**

Godziny ord. 9—11 przedpoł. 3—5 popoł.

**Kraków, Tomasza 18.** Róg ul. Floryańskiej

Telefon Nr. 81.

# Graetz

Gesch. d. Juden 13 Bde
Meyer's u. Brockhaus Konvers. Lexika 1908,
Brehm's Tierleben,
Kaufm. Bibliothek,
Spamers ill. Weltgesch.
Fremdwörterbücher,
Wörterbücher in allen Sprachen,
Literaturgeschichte,
Samtl. Klassiker,
Handels- u. Sprach-Wissenschaften etc.

Alles in neuester Auflage u. in Prachtbänden gebunden liefert gegen Monatsraten v. K. 3 aufwärts

**A. Weissmann, Podgórze** (Galiz.)

# Kaufm. Fern-Unterricht!

בוכפיהרונג (אללע סיסטעמע) האנדעלסקארעספאנדענץ, דיישע או. פאלנישע שפראכלעהרע, קויפם. רעכנען, האנדעלס- או. וועכסעלרעכט, וואַרענקונדע, געאָגראַפיע, שענשרייבען, עספעראַנטאָ - וועלטשפראַכע, וועלט-געשיכטע, קאָנטאָרפּראַקסיס, סטענאָגראַפיע (אללע סיסטעמע) א. ז. וו. קאַנן יעדערמאַנן אָהנע בעזאָנדערע פאָרקענטניססע אים בריעפליכען וועגע אונד אין קורצער צייט גרינדליך ערלערנען. — ביי גלייכצייטיגער טיילנאַהמע אַן 4 לעהרפעכערן,

**Stenographie gratis**

האָנאָראַר מעסיג, — ערפאָלג גאַראַנטירט!

Gründl. briefl Ausbildung zum tüchtigen Kaufmann

אַנפראַגען נור געגען רעטורקאַרטע, פּראָספעקטע א 15 העלר פראַנקאַ. פראַבעבריעפע K. 1.50 פראַנקאָ.

**Erstes comme ci elles Unterrichts-Institut.**
**Abteilung für briefl. Unterricht**

**A. WEISSMANN, Podgórze-Krakau 37.**

# אלטער הארנער

קאָנצעסיאָנירטער שטיינמעטצמייסטער

## לאגער פון מצבות

איים מאַרמאָר, גראַניט און סיעניט.

**A. HORNER, Krakau, Meiselgasse 37.**

# Verein „Israelit" in Wien

Genehmigt von der Hohen K. K. Niederosterr. Statthalterei.

## Kundmachung:

Der Verein Israelit in Wien bietet seinen Mitgliedern folgende Vorteile:

1) Heiratsstipendien für deren erwachsene Kinder ohne Unterschied des Geschlechtes.

2) Teilweisen Schadenersatz bei Elementarereignissen, wie z. B. Viehseuche, Ueberschwemmungen, Feuer und Hagelschaden.

3) Versorgung der Familie eines Mitgliedes nach seinem Ableben.

4) Erteilt der Verein seinen Mitgliedern Unterstützungen in allen kritischen Lebenslagen.

Wer sich für den Verein im eigenen Interesse oder zwecks Empfehlung von Mitgliedern aus seiner Ortschaft interessiert, wende sich an den

**Ausschuss des Vereines Israelit in Wien II.**

**Miesbachgasse Nr. 12.**

סענזאַציאָנעללע נייהייט!

בערייטס איבער די גאַנצע וועלט פערבייטעט!

ענאָרם ביללינג!

# מאָנדליכט

איין וואונדער דער חעמיע אין יעדעם הויזע!

זיננרייך קאָנסטרואירטער אפפאראט לייכט אונבעדינגט זעלבשטענדיג. קיין ברענשטאף נעטיג, קיינע וואַרטונג, דאהער גאַראַנטירט קאסטענלאז אונד דויערנד אים געברויך. פאלשטענדיג גערוכלאָז אונד אונגעפעהרליך. צאהלרייכע אַנערקענונגסשרייבען

„מאָנדליכט" מאָדעלל M. I. II. III.

**פרייזע:** קראָנען: 3.60. 4.80. 7.— 11.—

פראַנקאָ אונד אינקלוזיווע פערפאַקונג געגען פאָראיינזענדונג אדער נאכנאהמע דעם בעטראַגעס.

**Mondlichtwerk A. Seib jun. Warnsdorf 53/337 Bohmen.**



MODELL II.

Sensationelle Neuheit!

Bereits über die Ganze Welt verbreitet!

Enorm billig!

**MONDLICHT** ein Wunder der Chemie in jedem Hause!

Sinnreich konstruirter Apparat. Leucht unbedingt selbständig. Kein Brennstoff nötig, keine Wartung, daher garantirt kostenlos und daurend im Gebrauch. Vollständig geruchlos und ungefährlich. Zahlreiche Anerkennungsschreiben.

**Mondlicht** Modell M. I. II. III.
Preise: Kronen 3.60, 4.80, 7.—, 11.—

Franko und inklusive Verpakung gegen Voreinsendung oder Nachnahme des Betrages.

**Mondlichtwerk A. Seib jun.**
**Warnsdorf 53/337 Bohmen.**



Modell M

# העברעאישער פערנאונטערריכט.

דורך מיינע 32 קונסטפאלע העברעאישע אונטערריכטס-בריעפע וועלכע איינען גרויסען טהייל דער העברעאישען ליטעראַטור אין פראזא און פאעזיע אונד די גאנצע גראַמאַטיק אין פערשיעדענען איבונגען ענטהאַלטען קאַן יעדערמאַן דיא העברעאישע שפראכע אין קורצער צייט לייכט אונד גרינדליך אין ווארט אונד שריפט ערלערנען. האבע הונדערטער ראנקזאגונגען פאן שילערן.

פראספעקטע גראטיס. פראבענומער 1 קראנע אין מארקען. אויך אויסלענדישע

**S. Walkowski, Krakau, Miodowa 16**

# Mineralwasser!

En gros-Versand! Export nach Russland und Rumänien!
Directe Verbindungen mit den Quellen!!
Nähere Auskunft und Preise gratis und franko!!

1) **N. Traums Sohn, Tarnów**, (Galizien).
2) **N. Traums Sohn, Kraków**, Dietelsg. 46. Tel. 869.

**Gründungsjahr 1864.**

איין 8 פפערדינער

# גאז-מאטאר

(סיסטעם לאננען עט וואלף) אין נוטען צוּשטאנדע זאפארט בילינ צו פערקייפען. אויסקונפט אין דער רעדאקציאן דיעזעס בלאטעס. אונטער „מאָטאר".

# HOTEL-RESTAURANT Rosenthal

**Lemberg,**

Rzeźnicka.

Telefon Nr. 1314.

Speziel-Verkehr nach Süd-Russland.

**N. Katzner**, Spedition u. Kommission
Podwołoczyska, Wołoczysk, Brody und Radziwiłow
Feste Durchfrachten von und nach Russland.
Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen

**Steinkohlen, Antracit und Koks.**

Tee in Originalpaketten mit kais. russ. Kronsbanderolle.

**Menachem Pidhoretz**

Hochzeitssänger (בדחן)

GRODEK JAGIELLONSKI

עמפפעהלט זיך אויף אללער ארט חתונות אינד גאראנטירט פיר בעסטע צופריעדענהייט.

האנאראר (שבירות) מעסיג.

אויף יעדער אנפראגע ווירד גלייך בעאנטווארטעט.

Pierwszy krajowy, hurtowny i częściowy

**Skład Gramofonów**
**Józefa Wekslera**

| we Lwowie | w Krakowie |
|---|---|
| Sykstus a 2 | Grodzka 71 |
| Telefon 2033/II | obok Wawelu |

poleca swoje stanowczo **bez szmeru najlepiej grające Gramofony,** oraz płyty z marką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za **najlepsze i najtrwalsze.**




Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1908. najwyższem odznaczeniem **Grand Prix**

**Cenniki darmo i opłatnie.**

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie. **20.000**

**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**

**Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu**

**Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K.**

Przeróbka lub zamiana Pathéfonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.



**Jeneralne zastępstwo**
Towarzystwa Ack. Gramofonów
z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«








# „Muzyka“

**Podgórze, Rynek**

Gmach Magistratu

**Fabryczny skład orkiestryonów, gramofonów i pathefonów, oraz płyt najnowszych zdjęć, po cenach konkurencyjnych także na dogodne spłaty miesięczne.**

Katalogi gratis i franko.
Wysyła na prowincyę uskutecznia się odwrotną pocztą.



Zjednoczone austryackie akcyjne towarzystwo żeglugi parowej

# „Austro-Americana“



**Regularna i bezpośrednia komunikacya z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.**

| Rozkład jazdy. | | Ceny jazdy z Krakowa: | | |
|---|---|---|---|---|
| a) z Tryestu do Now. Yorku | | I. klasy | II. klasy | III. klasy |
| Argentyna | 24 kwietnia | k 431·40 | k 330·10 | k 208·80 |
| Alice | 8 maja | » 431·40 | » 330 10 | » 208·80 |
| Laura | 15 maja | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Oceania | 22 maja | » 431·40 | » 330 10 | » 208·80 |
| Martha Washington | 29 maja | » 431·40 | » 355 10 | » 223·80 |
| Argentyna | 12 czerwca | » 431·40 | » 330 10 | » 208 80 |
| Alice | 26 czerwca | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 3 lipca | » 431·40 | » 330 10 | » 208·80 |
| Oceania | 10 lipca | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |

Dla pasażerów jadących przez Nowy-York do Kanady obniżają się powyższe ceny o K. 20 —

Ceny zawierają już amerykański podatek.

| b) z Tryestu do Argentyny przez Rio de Janeiro: | | | | |
|---|---|---|---|---|
| Zofia Hohenburg | 19 maja | k 881·40 | k 655·50 | k 178·80 |
| Franceska | 30 czerwca | » 881 40 | » 655·50 | » 138·80 |
| Zofia Hohenburg | 4 sierpnia | » 881·40 | » 655·50 | » 138·80 |
| Cena międzypokładowa Kraków — Rio de Janeiro . . . . . . . . . | | | | » 138 80 |

Zmiany zastrzega się.

Jeneralna Ajencya dla Galicyi i Bukowiny i sprzedaż kart okręgowych

**Goldlust i Spółka**

**Kraków, ul. Lubicz l. 7.**

naprzeciw dworca kolejowego

Lwów, ul. Na Błonie l. 2. — oraz wszystkie prowincyonalne ajencye

**Biuro spedycyjno-komisowe. Zastępstwo Austryackiego i p. »Lloydu«**



# טירכען־לאזע פאם יאהרע 1870.

6 ציעהונגען יעהרליך.

הויפטטרעפער: 600,000 — 300,000 — 60,000 — 25,000 — 20,000 10,000

אונד פיעלע אנדערע גרעסערע געווינסטע.

נעכסטע ציעהונג שוין אם 1 יוני מיט הויפטטרעפער פאן פראנקס **400,000**

עמפפיעהלט נענען מאנאטסראטען פאן קראנען 6, 7, 8, 10

**Karl Gottlieb, Bank & Wechselhaus, Krakau, Ringplatz 17.**

נאך ערפאלג דער ערשטען ראטע זאפארטיגעס שפיעלרעכט. דירעקטע פערבינדונג מיט דען פארטייען (אהנע אגענטען) דאהער ביליגער אלס איבעראל.



# ברוכבענדער

ספעציאליסט אין באנדאושען־פאבריקאציאן פאכמאן זייט 25 יאהרע

**Ant. M. Mirkiewicz w Krakowie Mostowa l. 4**

עמפפיעהלט אן לייסטען־ברוך לייד־נדען פערזאנען ברוכבענדער איינענער אויסארבייטונג וויא איך בוויבבינדען בעסטער קאנסטרוקציאן, האכפרימא - בענדער אהנע שנאללען איינענער ערפינדונג, דיא דען פאציג האבען, דאס זיא קיינע שמערצען פעראורזאכען. פיר פערזאנען ביא וועלכע פערזענליכטענעס צושטאנדע האט ער אם לאגער רעכטמעסיגע שוטצבענדער.

עס ווערדען אויך אויפקלערונג וועגען דער אנוועגדונג דעם באנדעס ערטהיילט, וואס פיר אנפענגער איין גרויסען פארטהייל האט דא עס צור היילונג פיהרט אונד דאס אונטער גאראנטיע.



דיא גענעראל־אגענטור
דער ענגלישען לעבענספערזיכערונגס־געזעללשאפט

# „גרעשהאם“

ערריכטעט בעצירקס־אגענטורען אין אלען גרעסערען ארטשאפטען וועסטגאליציענס. אונטער גינסטיגען בעדינגונגען. אפערטען זינד צו ריכטען אן אדרעסע:

Generalagentur des „Gresham“ in Krakau, Grodgasse 29.



# Wiedeński Bank Związkowy

## FILIA W KRAKOWIE — Rynek Główny, Linia A-B 44.

Kapitał akcyjny 130 milionów koron. Fundusze rezerwowe 39 milionów koron.

Przyjmuje **wkładki** w rachunku bieżącym i na **książeczki wkładkowe.** — Podatek rentowy opłaca bank z własnych funduszów. Kupno i sprzedaż papierów wartościowych, walut i dewiz. Udziela pożyczek wekslowych i na zastaw papierów. Przyjmuje walory w przechowanie. Wypłaca kupony i wylosowane efekta. Przyjmuje wszelkie zlecenia giełdowe. Udziela ustnych i pisemnych wskazówek w tym kierunku.


Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.